# צום פינטל

גליון כד

פרשת תזריע-מצורע תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

טומאה וטהרה

### חיבור טומאה וטהרה

יש לחקור ביי טומאה און טהרה, ווי אזוי גייט אריבער די טומאה פונעם טמא צום טהור, מ'קען זאגען אז דער טמא איז 'משפיע' זיין טומאה צום טהור, און מען קען זאגען אז דער טהור איז דער וואס קומט נעמען, ער קומט 'מקבל' זיין די טומאה. און מ'קען אויך קלערן א דריטע צד, אז נישט דאס און נישט דאס, נישט דער טמא געט, און נישט דער טהור נעמט, נאר זיי ווערן פשוט 'מחובר' גלייך אויף גלייך, און דאס ווערן מחובר פירט אויטאמאטיש אריבער די טומאה.

איז באמת איז דא אסאך אופנים ווי 'מגע משא', 'אהל ובית', 'מדרס והיסט', 'התעסקות', און נאך. און באמת ביי יעדער אופן פאר זיך, דארף מען זיך מתבונן זיין ווי אזוי ס'גייט דארטן צו.

ונראה אז ביי טומאת 'מגע' קומט דער טהור מקבל זיין פונעם טמא, ווי ס'איז מבואר אין מלבי"ם (אילת השחר - פרק לו אות שכו) אז 'מגע טומאה' גייט צו אויף א אופן אז ער איז 'מקבל' די טומאה, און וועגן דעם איז אלץ די לשון התורה אז דער טהור איז נוגע צום טמא, וואס דאס איז מבטא אז נישט דער טמא גייט ארויס מטמא זיין, נאר דער טהור איז 'מקבל' די טומאה פונעם טהור.

אזוי אויך טומאת 'משא' ווערט ארויסגעברענגט אז דער טהור איז 'נושא' דעם טמא, ער ברענגט די טומאה אויף זיך דורעך זיין משא, ווייל ווי ס'איז באקאנט איז טומאת משא נישט קיין חיבור פון 'עליון ותחתון' וכדומה, נאר ס'פעלט זיך אויס אז א מענטש זאל 'פועל' זיין די פעולה פון 'משא', א טהור'ע מענטש זאל פועל זיין א פעולה פון 'משא'. קומט אויס אז דער טהור'ע וואס טראגט, ער ברענגט די משא אויף זיך, ער איז 'מקבל' די טומאה אויף זיך דורך משא.

ביי 'טומאת אהל' איז באקאנט אז דאס איז 'התפשטות הטומאה', די טומאה שפרייט זיך אויס אין די גאנצע אהל המת, און לכאורה קוקט אויס ווי די מת איז 'אקטיוו', ער איז דער וואס גייט צום טהור אויסשפרייטן זיין טומאה, אבער באמת אפילו דער מת שפרייט זיך אויס אינעם גאנצען אהל, אבער נאכדעם ווען דער טהור קומט אריין, איז ער דער וואס נעמט איבער די טומאה, ער איז מקבל די טומאה פונעם מת, בפרט אז מ'זעט אז 'טומאת אהל' ווערט צומאל אנגערופן 'מגע'. [אנדערע לערנען - ע' משנת הלוי וע' זכרון בנימין ה דף קא, כולל טהרות - אז טומאת אהל איז א דין פון 'כל אשר באהל', אז אלעס וואס איז צוזאמען אינעם 'אהל' ווערט פשוט מחובר פאר איינס, כעין ווי 'ביתא כמאן דמליא דמי', ענדליך צו די דריטע צד הנ"ל, אז די 'חיבור' ברענגט זיי צו איינס, און די טומאה גייט אויטאמאטיש אריבער].

> **דער יצה"ר זיצט נישט מיט פארלייגטע הענט ווארטענדיג די זאלסט קומען צו אים, ער איז א לעבעדיגע 'באקטיריע' וואס באשאפט נאך און נאך, און לויפט ארום פארשפרייטן זיין שלעכטע סחורה. וואס פון אזא 'יצר הרע' דארף מען פארשטייט זיך אסאך א גרעסערע שמירה**

### זב וחבידיו

יעצט לאמיר זיך מתבונן זיין ביי די טומאות פון 'זב וחבידיו', 'מדרס' און 'היסט'. 'טומאת מדרס' גייט צו דורעך א חיבור פון סמיכה, א חיבור פון 'עליון ותחתון', דורעך ישיבה, שכיבה, השענה, ותלייה, אלע אופנים וואס דער טמא איז נסמך אויפן טהור, בתנאי אז דער טהור איז מיוחד, מען קען נישט זאגען 'עמוד ונעשה מלאכתנו'. 'סמיכה' איז לכאורה שטארק מבטא אז ער איז 'משפיע' די טומאה, ער געט איבער די טומאה בקום ועשה, דורעך די 'פעולה' פון סמיכה.

און אזוי אויך 'טומאת היסט' איז פשט אז דער 'זב וחבידיו' זענען 'משפיע' זייער טומאה פארן טהור דורעך 'היסט', ווי די מלבי"ם (שם) איז מדייק די לשון הפסוק 'וכל אשר יגע בו הזב', וואס די חז"ל זאגען אז נגיעה מיינט 'היסט', 'מגעו אשר היא ככולו', און די לשון הפסוק איז אז דער 'זב' גייט צורירען צום טהור. און אזוי זאגען אויך די לומדים אז 'היסט' איז די

המשך בעמוד הבא

'פעולה' פונעם טמא אינעם טהור, א פעולה בקום ועשה.

און באמת די גאנצע מציאות פון 'זב וחבירו' איז אזא סארט מציאות, אז זיי זענען 'משפיע' זייער טומאה פאר אנדערע, און זיי ווערן אנגערופן 'טומאה יוצא מגופם', זיי באשאפן און פאברעצירן זייערע טומאה, ווי מ'זעהט אז זיי געבן ארויס זייער טומאה דורעך זייערע 'מעינות' (מעינות הזב), זיי 'פראדאסען' זייערע טומאות פאר אנדערע און שפרייטן זיך אויס בקום ועשה. פארקערט ווי 'מת שרצים און נבילה' וואס זענען נישט אקטיוו, זיי ליגען טויטערהייט פאר זיך, און אנדערע קומען צו זיי איבערצונעמען די טומאה, זיי זענען מער א טומאה פאר זיך, זיי לויפן נישט ארום אליינס צושפרייטן זייער טומאה.

אויב אזוי איז שטארק מסתבר אז 'טומאת מדרס' און 'טומאת היסט', זענען אזא סארט 'חיבור' פונעם טמא צום טהור, אז דער 'טמא' ער איז דער וואס געבט איבער די טומאה, ער איז 'משפיע' די טומאה פארן טהור, ווייל דאס איז דאך די גאנצע מציאות פון 'זב וחבירו' אז זיי געבן אליינס ארויס זייער טומאה, זיי זענען 'משפיע' זייער טומאה פאר אנדערע.

### מייצרים רע

אין די וועלט איז דא צוויי סארטן 'רע', צווי סארטן שלעכטס, ס'איז דא אזעלכע וואס נאר אויב די ווערסט גיין נאענט צו זיי, נאר אז די ווערסט זיך דרנענטערן און גיין לעבן זיי, וועט זיך אנקלעבן עטוואס פון די שלעכטס, אבער ס'איז דא ליידער אזא סארט 'לעבעדיגע שלעכטס', שלעכטס וואס שלאפט נישט, שלעכטס וואס לויפט ליידער ארום און שפרייט זיך אויס. די ערשטע טרעפן מיר ביי 'מת שרצים ונבילה', וואס זיי זענען 'טויטע טומאות', און וועגן דעם איז נאר אויב די ווערסט קומען נאנט צו זיי, די ווערסט זיך מתחבר זיין צו זיי דורעך 'מגע ומשא', דאן וועט אריבער גיין די טומאה.

אבער דערנאך איז דא 'זב וחבירו', וואס זיי זענען מענטשן וואס לעבן, און זיי שפרייטן אויס זייער טומאה בקום ועשה, מיט א כח הפעולה פון א לעבעדיגע מענטש, גייען זיי ארויס צו משפיע זיין טומאה, דורעך מדרס און היסט, וואס זיי ארבעטן מיט א כח ה'פעולה', וואס די דאזיגע כח איז נאר דא ביי א לעבעדיגע מענטש.

פון אזעלכע 'רע' וואס זענען אויף זייער פלאץ, איז גרינגער פאר א מענטש צו זיין נזהר, ווי למשל 'מת שרצים ונבילה', וואס א מענטש קען זיך לייכט אכטונג געבן נישט צו גיין לעבן זיי, אבער פון אזעלכע 'רע', פון אזעלכע שלעכטס, וואס שפרייטן זיך אויס ב'קום ועשה', ווי למשל 'זב וחבירו' פון דעם איז זייער שווער צו זיין נזהר, ווייל זיי גייען מיט די אייגענע כוחות און שפרייטן זיך אויס, און נישט נאר דאס, נאר היות ס'איז לעבעדיגע רע, באשאפן זיי כסדר זייער רע פון פריש, ווי דער דין פון 'מעיינות הזב', וואס דאס ווערט כסדר באשאפן פון פריש, און ס'פארשפרייט זיך איבעראל.

בדרך כלל ווערט טומאת מת אנגערופן א הארבערע טומאה ווי 'זב וחבירו', ווי ס'איז מבואר אין מסכת אוהלות 'למעלה מהם וכו'', אבער מיט כמה זאכן זענען 'זב וחבירו' מער הארבער, ווי "בדד" ווי טומאת מדרס און היסט, וואס דאס קומט מכח דעם וואס זיי זענען מטמא בקום ועשה, זיי זענען לעבעדיגע טומאות. און דאס איז אויך די חומר אז זיי דארפן ארויס גיין מחוץ למחנה, מער ווי ביי טומאת מת, וואס דאס איז כדי זיי זאלן זיך נישט אויסשפרייטן און מטמא זיין אנדערע. און דאס איז אויך דער דין פון מצורע וואס דארף זיין 'בדד' מחוץ לשלש מחנות, ווייל ער איז א לעבעדיגע מענטש און מ'האט מורא ער זאל נישט ארום לויפן אויסשפרייטן זיין טומאה.

און דאס איז די חומר פון 'לשון הרע' אז ס'איז א לעבעדיגע רע, א לעבעדיגע שלעכץ, קען זיין אז נאכן רעדן שלעכץ, שטארבן די ווערטער אפ, אבער למעשה א לעבעדיגע מענטש פילט אהן די ווערטער מיט חיות, און ער טראגט עס ארום און ער פארשפרייט עס איבעראל. בפרט היינטיגע צייטן וואס מ'קען אויסשפרייטן די זאכן 'גלובעל'ייאייז', איז דאס גאר א שטארקע טומאה.

ס'איז דא א 'יצר טוב' און א 'יצר הרע', מ'קען טייטשן די לשון 'יצר' מלשון 'יצירה', אז דער 'יצר טוב' שלאפט נישט ער איז 'מייצר' א גאנצע צייט טוב, און לעומת זה דער 'יצר הרע' איז מייצר א גאנצע צייט רע ל"ע, דער יצה"ר זיצט נישט מיט פארלייגטע הענט ווארטענדיג די זאלסט קומען צו אים, ער איז א לעבעדיגע 'באקטיריע' וואס באשאפט נאך און נאך, און לויפט ארום פארשפרייטן זיין שלעכטע סחורה. וואס פון אזא 'יצר הרע' דארף מען פארשטייט זיך אסאך א גרעסערע שמירה.

ביי קענסער און ביי אנדערע מחלות ל"ע ווייסט מען, אז עס איז דא לעבעדיגע און ס'איז דא טויטע, לעבעדיגע איז פשט אז זיי שפרייטען זיך אויס בכוחות עצמם, און טויטע איז פשט אז פאר זיך טויגען זיי טאקע נישט, אבער כאטשיג זיי שפרייטן זיך נישט אזוי אויס. אויך ביי אסאך אנדערע מחלות ווייסט מען אז ס'איז דא מחלות וואס זענען 'ווירעל', זיי גייען ארויס און צושפרייטן זיך אויף א גאר א גרויסע פארנעם. וואס פארשטייט זיך אז די וואס גייען ארויס, די וואס זענען 'פועל' און זענען 'אקטיוו', פון זיי דארף מען זיך אסאך מער אפהיטן. און די זעלבע ענין איז דא אויך אין רוחניות ביי די יצה"ר אז וועען ער איז 'פועל' און 'אקטיוו' דארף מען זיך אסאך מער אפהיטן.

### א סכסוך צווישען מאן און פרוי

'סוטה' בהשקפה ראשונה קוקט עס אויס מער ווי א נושא פון 'בין אדם למקום', מברר צו זיין איר שולד און איר געבן א עונש. אבער בעומק איז 'סוטה' א נושא פון 'בין אדם לחבירו', א סכסוך צווישען די מאן און די פרוי, דער מאן טענה'ט אז זי טויג נישט, ער איז איר חושד אויף דאס ערגסטע, און די פרוי טענה'ט אז זי איז בסדר, די מאן'ס חשדות זענען איבערגעטריבן, און וויבאלד די זאך איז 'בסתר', וואס על פי רוב קען מען עס נישט מברר זיין מיט עדים, ברענגט ער איר אין בית המקדש און ער איז איר משקה 'מים המרים', צומאל קומט ארויס אז ער איז געווען גערעכט, און צומאל זעהט מען אז ניין, זי איז געווען גערעכט.

און אזוי איז ידוע פון דער מהרי"ק (שורש קסז בתחילתו, מובא בפוסקים אבהע"ז סימן יא וסימן קעה) אז די ענין פון סוטה איז נישט צו באשטראפן אויף די איסור וואס זי האט געטוהן 'בין אדם למקום', נאר די גאנצע איסור איז דער 'ומעלה בו מעל', די 'מעילה' און בגידה אין די מאן. אין די פוסקים זאגען אז מטעם זה ווערט זי נאסר אפילו ווען ער איז איר מקנא פון ביאת גוי, אפילו ס'איז דא וואס האלטן אז ביאת גוי איז נישט קיין איסור אשת איש (כידוע דעת ר"ת תוס' סנהדרין ע"ד).

און די תורה האט געגעבן רשות פאר די מאן מברר צו זיין די זאך עד הסוף, ער עפענט אויף א קעיס קעגען איר, ער ווארענט איר, ער קוקט איר נאך, ער שלעפט איר צום בית דין, ער ברענגט עדים (אויף די קינוי, און לויט ר יהושע אויך אויף די סתירה), און ער שלעפט איר ארויף צום בית דין הגדול משקה צו זיין פון די מים המאררים.

דער מאן פון זיין זייט פראבירט אויפצואווייזן אז די מצב איז שווארץ, און די פרוי פון איר זייט פראבירט אויף צו ווייזען אז ניין, זי איז ריין, אויב איז ער גערעכט, זענען חל אויף איר אלע קללות, און אויב איז זי גערעכט קומט צוריק די שלום צווישען זיי, דער מאן הערט אויף איר חושד צו זיין, וויסענדיג אז זי האט 'געפעסט די טעסט', זי איז ריין. (אויך איז דא נאך אסאך פארדינסטן מיטן טרינקן, וז"ל רש"י סוטה יז ע"א "יש הנאה בסוטה, לתת שלום, ושלא ירבה ממזרים בישראל אם זונה היא, ואם נקתה ונזרעה זרע, ומבטלת לעז מעל בניה").

און אזוי איז מאריך דער מעשה רוקח (על הרמב"ם אישות פכ"ד באמצע הלכה יט) מחזק צו זיין די ווערטער פונעם מהרי"ק אז די ענין פון 'סוטה' איז נישט וועגען איסורים וואס זי האט געטוהן, נאר ס'איז א 'בין אדם לחבירו', צוריק צו שטעלן די כבוד פון די מאן, און זיך אהן נעמען פאר די 'ברית' און קשר וואס ער האט געמאכט מיט איר ביי די חתונה אז זי זאל זיין מיוחד נאר פאר אים. און אזוי איז אויך מבאר דער שו"ת בנין ציון (סימן קנה) אז דאס איז מכח די הפרת ברית, זיך אהן צונעמען פאר די מאן.

און א שטארקע ראיה צו דעם אז די גאנצע סוגיא פון סוטה דרייט זיך אויף 'בין אדם לחבירו', ווייל ס'שטייט (סוטה כה ע"א) אז די מאן קען מוחל זיין אויף זיין קפידא, און אין איין רגע ווערט נתבטל די גאנצע ענין ארום איר, וואס דאס שרייט שטארק ארויס אז די גאנצע ענין איז א סוגיא 'בינו לבינה'.

**און די טעם פארוואס די תורה האט אים געגעבן אזא רעכט, אזוי שטארק חושד צו זיין אפילו מספק, דאס איז מכח די הארבקייט פון זייער 'כריתת ברית', היות ביים חתונה האבן זיי דאך געשלאסען א 'כריתת ברית', אזוי ווי יעדער מאן און ווייב וואס זענען כורת ברית ביים חתונה צו זיין געטריי איינער דעם צווייטען, און דאס איז אזוי הארב און ס'מוז ווערן צוגעשטעלט אינגאנצען, ס'זאל זיין ריין בלי שום ספק**

### דער מאן דרייט אלעס

דער ספורנו איז מדייק די לשונות הפסוקים ביי סוטה, 'והובא על הכהן' וכדומה, אז דער מאן איז מסבב די גאנצע פרשה פונעם סוטה, ער איז איר חושד, ער איז מעמיד עדים, ער כאפט איר ביים סתירה. סך הכל, ער לייגט איר אריין אין די גדר פון א אשה חשודה, ער איז מחיל אויף איר די 'חלות' ושם סוטה, ער שטעלט איר אוועק אלץ א פרוי פון סוג ב', א פרוי וואס מען דארף נאכקוקן און האלטן א וואכזאמע אויג. און ממילא איז פארשטענדליך אז טאמער איז ער מוחל פאלט אלעס אפ.

ס'האט זיך אנגעפאנגען ביי אים אין קאפ, ער האט איר חושד געווען, דערנאך האט ער איר געווארענט בדיבור, דערנאך האט ער געברענגט די זאך למעשה, ביז ער פירט אויס די זאך למעשה, ער ברענגט איר צום בי"ד. און אפילו נאכדעם וואס בית דין נעמט איבער די זאך, נאכאלץ איז ער אריינגעמישט אין די ענינים, ער ברענגט די קרבן מנחת הקנאות, ער איז איר משביע וכו' (יש אומרים כן). איז ממילא אויב ער איז מוחל די זאך, קען מען פארשטיין אז אלעס זאל ווערן נתבטל, אבער למעשה נאך 'סתירה' איינמאל ס'האט שוין חל געווען אויף איר א 'חלות סוטה' קען ער שוין נישט ארויסבעקן, אבער בעצם איז אלעס תלוי אין אים.

### מוטלת בספק

די מהות פון א 'סוטה' איז א פרוי וואס איז 'מוטלת בספק', דאס גופא איז איר מהות, דאס איז די טייטש פון די ווארט 'סוטה', א אשה חשודה, א אשה וואס מ'קוקט איר אהן מיט א בייזע בליק, א אשה וואס מ'כח ספק קוקט מען איר נאך און מ'איז איר חושד אויף מער פון וואס מ'האט געזעהן. וואלט מען געוויסט אז זי איז ודאי טמא, וואלט דער מאן איר מגרש געווען, און ער וואלט אויך געווען פטור פון

המשך בעמוד הבא

געבן כתובה, אבער היות מ'ווייסט נישט ודאי, האט די תורה איר ארייגעלייט אין א באזונדערע קאטיגאריע, אין א קאטיגאריע פון א 'אשה חשודה', און געגעבן רשות איר חושד צו זיין און מברר זיין די אמת דורעך א הימלישע וועג, דורעך א וועג מברר צו זיין פארבארגענע זאכן.

רש"י (במדבר ה יב) זאגט אז 'כי תשטה' טייטשט, א פרוי וואס בייגט זיך אוועק פון די דרכי הצניעות, און זיי ווערט 'חשודה בעיניו', דער ספר הכתב והקבלה (שם) איז מסביר אז דאס ליגט אין די עומק פונעם לשון 'סוטה', א פרוי וואס איז געווארן אפגעניגט אין די מאן'ס דעת, און אפילו ווען דאס איז נישט די אמת'ע מציאות, אבער מצד דעם אליינס וואס אין זיינע אויגען איז דאס אזוי, מצד דעם אליינס איז שוין חל אויף איר א גדר און א 'חלות' פון 'סוטה'. און וועגן דעם איז א 'סוטה' אסור אף על פי וואס איר מציאות איז 'מוטלת בספק', ווייל דאס גופא מיינט 'סוטה' א פרוי וואס איז מוטלת בספק אין מ'דארף האלטן אויף איר א וואכזאמע אויג.

און די טעם פארוואס די תורה האט אים געגעבן אזא רעכט, אזוי שטארק חושד צו זיין אפילו מספק, דאס איז מכח די פארבקייט פון זייער 'כריתת ברית', היות ביים חתונה האבן זיי דאך געשלאסען א 'כריתת ברית', אזוי ווי יעדער מאן און ווייב וואס זענען כורת ברית ביים חתונה צו זיין געטריי איינער דעם צווייטען, און דאס איז אזוי הארב און ס'מוז ווערן צוגעשטעלט אינגאנצען, ס'זאל זיין ריין בלי שום ספק. (און אגב איז דאס איז אויך די כח הקללות, ווייל א 'כריתת ברית' אז מ'איז עס נישט מקיים האט עס אין זיך הארבע כוחות פון קללות).

## איסור, רשות, חובה

אין גמרא אנפאנג סוטה (סוטה ב ע"א, ב ע"ב, ג ע"א) איז דא דריי שיטות, איסור, רשות, אדער חובה. יש אומרים אס ס'איז נישט קיין גוטע זאך אז דער מאן דרייט אהן א פרשה פון 'סוטה', ער איז עובר א 'קצת איסור' מיט דעם, אנדערע זענען יא מתיר, זיי זענען עס מגדיר ווי א 'רשות', און אנדערע זאגען אז ס'איז גאר א 'חובה' צו מקנא זיין, כדי איר מטהר זיין.

איז לויט די מאן דאמר 'איסור' אדער 'רשות', איז עס א ענין פון 'בין אדם לחבירו', אין איך בין נישט מחייב אויף זיינע ענינים, אבער לויט די מאן דאמר 'חובה' איז עס לכאורה א 'בין אדם למקום'דיגע נושא', און דאס איז פשט אז איך בין אים מחייב, כדי איר מטהר צו זיין פארן אייבירשטען.

אבער כפי הנראה איז די 'חובה' נאר א זייטיגע נקודה, ס'נעמט נישט אוועק פון די עצם מהות סוטה, די עצם מהות סוטה איז אודאי א 'בין אדם לחבירו'דיגע נושא, א קפידא פון די מאן זיך אהנצונעמען פאר זיין אייגענע כבוד, נאר די תורה לייגט אויך צו א חובה מכח איר טהרה בין אדם למקום, און באמת איז עס טאקע נישט קיין חובה ממש ווי די פוסקים זאגען (כמבואר במנחת חינוך מצוה ששה אות יג ע"ש טעמו, וכן ברש"ש דהיא רק מצוה קיומית). ווייל א ענין פון 'בין אדם לחבירו', אויב דער מענטש גופא איז נישט מקפיד אויף זיין כבוד, קענסטו אים נישט מחייב זיין, די קענסט אים נאר געבן א קצת חובה, א שטיפ פון דערזייט.

און אזוי שטייט אויך אין נצי"ב (העמק שאלה במדבר שאלה קלד ח, ובמשיב דבר ד יז) אז 'חובה' מיינט נישט ממש א חובה, נאר א מצוה ורוח טהרה. און אזוי זאגט אויך דער קרן אורה (סוטה ב ע"ב) אז ס'איז נאר "מצות חכמים ומדרכי המוסר, אבל לא דבר תורה הוא".

## שלום בית בסוטה

א שורש צו די נושא פון 'שלום בית' קען מען ברענגען פון סוטה, ווי די חז"ל (חולין קמא עא) זאגען "לעשות שלום בין איש לאשתו אמרה תורה שמי שנכתב בקדושה ימחה על המים". אויך איז דא אין מסכת סוטה (דף יז/א) די באקאנטע גמרא "דריש ר"ע איש ואשה זכו שכינה ביניהן, לא זכו אש אוכלתן", האבן זוכה געווען איז דא שלום ושלוה און קיינער איז נישט חושד דעם צווייטען, אז נישט ח"ו איז 'אש אוכלתן' די פייער פון מחלוקת און קנאות פארברענט זיי.

איך האב געזען א ארטיקל פון ר דוד לעווי שליט"א וואס טוט אסאך אין שלום בית, האט ער דארט א שאלה, צו מ'זאל יענעם שטעלן אין פלאץ, אדער מ'זאל ענדערשט מוותר זיין, און ער לייגט דארט אראפ א שיינע מעשה אין שלום בית, ווי איינער האט געטרויטען אויפן אנדערענס געפילן, און די שאלה איז, צו דער אנגעטרויטענער זאל זיך אננעמען פאר זיך, ער זאל געבן פאר יענעם צו הערן א לעקציע אז ער איז אריבער די גבול, ער זאל שטיין אויף זיינע רעכטן אז יענער זאל זיך לערנען איינמאל פאר אלעמאל, אדער זאל ער ענדערשט מוותר זיין.

און ער איז דארט מחלק צו יענער איז געקומען געפיליש, ס'האט אים געכאפט א שווערע מינוט, אדער יענער טרעט טאקע ממש, ער כאפט נישט אז ס'איז דא דא נאך איינער, ער כאפט נישט אז מ'דארף זיך רעכענען מיט א צווייטען, וואס דעמאלטס קען מען אמאל ניצען דער מעטאד פון 'שטעלן יענעם אין פלאץ'.

לענינינו, ביי 'סוטה' טרעפט מען שוין אזא סארט ענין, אזא סארט שאלה, און לפי די וואס זאגען אז ס'איז א 'חובה', איז לכאורה עדיף אז א מענטש זאל מקפיד זיין און שטיין אויף זיינע אייגענע רעכטן, אדרבא ס'איז גאר א חובה (און די 'חובה' איז נישט דוקא לשם ה', נאר 'בין אדם לחבירו' צו שטעלן יענעם אין פלאץ, ווי געשמועסט פריער). אבער לויט דער 'מאן דאמר' וואס האלט אז ס'איז א 'איסור' מקפיד צו זיין, 'קינוי' איז א שטיקל איסור, לויט אים איז לכאורה עדיף מוותר צו זיין, ס'איז עדיף צו זיין א מעביר על מידותיו, און אפילו ווען ס'איז נוגע ביי איסורים, אלץ איז ענדערשט מוותר צו זיין, ס'איז ענדערשט צו קוקען מער 'פאזיטיוו' און נישט מיט אזא חשד.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 1646650559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עימוד: י.ב. 972-52-763-3424+